

Intérieur d'un wagon de 1è classe, Honoré Daumier, 1856

## Extraits n°1-2-3 de *Childe-Harold*

# Dans le train pour Berlin

**Dizner tshaild harold*, en français* Childe-Harold*, doit son nom à un poème de Lord Byron.***

***Ce long poème en yiddish de Moyshe Kulbak, retrace son expérience berlinoise dans les années 20. Le début raconte son voyage en train pour Berlin.***

**Extrait 1 :**

1.

אַ באַן. אַ פֿענצטער. אַ פּנים קווועלט.
אַ ליולקע צווישן שטייפֿע ליפּן.
אַ יונג האָט זיך געלאָזן אין דער וועלט
מיט גאָרנישט, בלויז מיט גאַנצע ריפּן.
אין קעשענע אַ בינטל ווילדע לידער,
אַ פּעקל פּאַפּיראָסן און אַ העמד;
אַזוי האָט זיך דאָס שניידערל — זיין טאַטע — מיט אַ סידור
אַמאָל געלאָזן זיך אין דער פֿרעמד.
די רעדער רודערן — טאַק־טאַק־טאַק־טאַק,
אין מאַכטן בייטן זיך, און מלוכות שוועבן!
— ס'איז גוט, — האָט ער געטראַכט, — עס איז אַ זאַך,
וואָס מענטשן שלאָגן זיך און לעבן...

Un train, Fenêtre. Un visage jovial.
Pipe serrée entre ses lèvres dures
De par le monde, un jeune homme s'en va,
Mais il n'a rien que ses côtes robustes
Une poignée de poèmes en poche,
Une chemise et quelques cigarettes.
Jadis, avec son livre de prières,
A l'étranger, son père le tailleur
Partit ainsi. Tournent, tournent les roues…
Changent les pouvoirs, les Etats s'esquivent.
Et lui pensait : il est bon que partout
Les hommes se battent et vivent.

**Extrait 2:**

2.

אין וואַגאָן — דאָס קוידערוועלט פֿון דער מדינה:
דאַמען — בידעמייער, טיפּזיניקעברילן,
אַ לאַמפּאַס פֿון אַ גענעראַל אונטער אַ פּאַלערינע,
אַ לאַנגער וואָנץ אַ פּוילישער אין האָנער און אין ווילן.
און יעדער אויג קוקט שטאַר ווי אַ לאָרנעט,
געליימט אויף אייביק, פּונקט פֿאַרבליבן
ס'איז פֿון איטלעכן אַ קערפּער אַ מאַקעט,
נאָר דער מענטש האָט זיך אַרויסגעקליבן.
די בורזשואַזיע קלעטערט אויף די באַנען
און רייסט זיך שווייגנדיק צו רוסלאַנד'ס טיר,
און ער איז מיט דער ליולקע דאָ געשטאַנען —
אַ וואַגאַבונד, אַ ליולקעמאַן, אַ פּאַסאַזשיר...

Dans le wagon - des gens de tous pays :
Dames démodées, savantes lunettes,
Un général, on voit des épaulettes
Sous son manteau. Moustaches polonaises
Longues d'orgueil et de ténacité.
Chaque œil vous fixe ainsi qu'une lorgnette.
Mais de ces corps, à tout jamais figée
Ne survient rien qu'une simple maquette -
L'homme a déménagé. La bourgeoisie
Grimpe dans les trains, se glisse, muette,
Vers la porte de la Russie.
L'homme à la pipe aussi, parmi ces étrangers,
Lui le vagabond, lui le passager…

**Extrait 3 :**

4.

ס׳האָט ניינצן יאָר דער בראַווער לינקעמאַן
געלייענט שיינע לידער און ראָמאַנען,
ביז ס׳האָט די וועלט אים אויסגעזען ווי אַ ראָמאַן,
וואו בירגער־קריג איז אויך פאַראַנען.
עס איז מאָדנע גוט אַרומצוגיין און הערן,
ווי ס׳קלינגען לאָזונגען, ווי ס׳שאַרכן פאָנען,
ווי געשפּרעכן פירן קליינע רעוואָלווערן, —
עס איז אַ מעשה פון נאַט פּינקערטאָנען.
און טראַסקעט דורך די גאַסן אַ פאַרעלטערטער האַרמאַט,
אַ דייטשע קאַסקע וואַלגערט זיך אין רינע, —
און לינקעמאַן אין בעדערן. און אויב ער איז נאָך זאַט,
איז ער אַ פאַרטיקער רינאַלדאָ רינאַלדיני.*)

L'homme à la pipe a pendant dix-neuf ans
Lu des romans, des poèmes subtils,
Le monde à ses yeux devint un roman,
Mais là aussi, c'est la guerre civile.
Etrange et doux d'aller et d'écouter
Sonner les slogans, claquer les drapeaux.
Les petits révolvers font des discours,
C'est une histoire à la Nat Pinkerton*
Un canon désuet ébranle quelques rues,
Dans le ruisseau roule un casque allemand,
Et dans le duvet s'étend mollement
L'homme à la pipe. Est-il déjà repu ?
S'il est repu, c'est qu'il est bien fini
En tant que Renaldo Renaldini**

5.

און פלוצלונג זיצט ער אין וואַגאָן. ער פאָרט שטודירן
קיין אייראָפּע, אַ יעדער צו זיין פאַך: אַ פויגל זינגט,
אַ באָלשעוויק מאַכט רעוואָלוציעס, און לינקעמאַן מוז אומבאַדינגט
שטודירן. דער טאָג פאַרגייט. שטאָלענע קאָלירן.
אַלץ שלינגען פון דעם געגנט אויס די הייסע אויגן:
אַ יאָדלע אַ ווייסרוסישע אין טאָל. אַ בריק.
אָט איז אַ מוטנער טייכל פלוצלונג דורכגעפלויגן,
און ס׳יאָגן איילִיק טעלעגראַפן־סלופּעס אויף צוריק.
עס ענדיקט זיך די היים; און אויב דיך מאַטערט וואָס און מאָנט,
דו שווייג, מיין פריינט. ווי אַלע אין וואַגאָן דאָ שווייגן,
ווי ס׳שווייגן דאָרטן ווייט, ביים ווייסן האָריזאָנט,
דריי זילבערלעכע סאָסנעס, אייניקע, אָן צווייגן...

*) טעקסט־דערקלערונגען פון פּרעסטיזש זשורנאַל, וואָס זיינען אריין אין פּאָעמע,
זע זייט 264.

Assis dans le wagon, il part étudier
En Europe – à chacun son métier : l'oiseau chante,
Le bolchévik fait la Révolution.
Lui, l'homme à la pipe a pour mission
D'étudier. Le jour passe. Couleurs d'acier.
Les yeux ardents boivent le paysage :
Un pont. Un val. Un sapin biélorusse.
Soudain s'éclipse une rivière trouble
Et les poteaux du télégraphe fuient
Dans l'autre sens. Et la patrie finit !
Si quelque chose ô mon ami t'étreint
Et te tourmente encore, alors silence !
Reste muet comme tous ceux du train
Et comme au loin, sur l'horizon tout blanc
Trois sapins argentés sans branches.

* Détective américain, héros de roman
**Autre héros et aventurier célèbre

**Sources** : Moyshe Kulbak, « Geklibene Verk », éditions Cyco-Bicher Farlag, pp. 229, 230, 231
*Le miroir d'un peuple, anthologie de la poésie yidich, 1870-1970*, textes choisis, traduits et présents par Charles Dobzynski, éditions Gallimard,  pp. 277, 278, 279